בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת פִּנְחָס

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**פַארְוָואס רֶעדְט מֶען נִישְׁט אָפְן צוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים ?**

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ וואוּילֶער אִינְגֶערְמַאן, כָּאטְשׁ הֵייס אִיךְ אַזוֹי, אָבֶּער אִין הַארְץ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין חָרוּב אִינְגַאנְצְן, מַיין גַאנְצֶער מֹחַ אִיז פוּל מִיט נַארִישֶׁע אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען כְּסֵדֶר. דָאס קוּמְט נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוּיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין חִיזוּק אוּן גֶעזָאגְט קְלָאר וָואס מְ'טָאר נִישְׁט טוּן, וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף זִיךְ אוּיפְפִירְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז וֶוען אִיךְ זָאל הָאבְּן אֵיינֶעם אַלְס אִינְגְל אוּן בָּחוּר וָואס זָאל מִיר זָאגְן פֶּערְזֶענְלִיךְ וָואס אִיךְ טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן זָאל מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוּיף דֶעם, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אִיךְ קֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי מְלַמְדִים אוּן מְחַנְּכִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, רֶעדְן נִישְׁט אָפְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס זֵיי טָארְן נִישְׁט טוּן, דָאס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אוֹיף מְלַמְדִים אוּן מְחַנְּכִים פַארְוָואס זֵיי גְרֵייטְן נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִינְקֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בְּשַׁעַת וָואס אַלֶע צַדִיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר, וּבִפְרַט הָרַב הַקָדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן**

עָלֵינוּ הָאבְּן מַזְהִיר גֶעוֶועןְ דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע בַּיי דִי אֲסִיפַת הַמְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶע׳טַעְנֶה׳ט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, מִיטְ׳ן טַעְנֶה אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי וִויסְן וְכוּ׳, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער גֶעקְלַאפְּט אִין טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֵוייסְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער בִּכְלַל פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן.

בַּיי יֶענֶע אֲסִיפָה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תַּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק יח): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים; נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען ׳פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן׳, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: ״אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?״ הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, ״צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...״ הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: ״וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג״; הָאט דֶער רֶבִּי זי״ע מְסַאטְמֶער אוֹיסְגֶעפִירְט פַאר דִי מְלַמְּדִים: ״דָא זֶעט מֶען דֶער חִיוּב וָואס מְלַמְּדִים הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן״.

עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט אָנְרִירְן בַּיים בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן זִיכֶער זָאלְן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנֻוָולִים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן מִיט זֵיי מַעֲשֵׂי תּוֹעֵבָה; עֶס אִיז אַ וֵוייטָאג צוּ הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין זֵייעֶר לֶעבְּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְויסְט וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז.

אוֹיף דֶעם וָואס דַיין מֹחַ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ׳; טוּ דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, זָאג אִים וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע טוּט מִיט דִיר אוּן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסאַךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אוֹיס צוּ וַואשְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס בְּרֶענְגְט אַ נַייעֶ נְשָׁמָה און אַ נַייעֶ מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין מַאן רֶעדְט אַסאַךְ מִיט זַיין נִיכְטֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי און אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בַּאקוּם אַסאַךְ חִיזוּק און עֵצוֹת דֶערְפוּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, מִיר הָאבְּן שׁוֹין ב"ה עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, און מִיר הָאבְּן ב"ה אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט און פְּרֵיילִיךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה, און אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם. מַיין מַאן הָאט אַ נִיכְטֶע [niece] מִיט וֶועמֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי פְּלֶעגְן פַארְבְּרֶענְגֶען און שְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם פַאר גָאר אַסאַךְ שָׁעוֹת. אוֹיךְ נָאךְ אוּנְזֶער חֲתוּנָה הָאט עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן דִי פְרַיינְטְשַׁאפְט מִיט אִיר.

דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פוּן דֶעם, בִּיז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ פּוּנְקְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט און אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן בְּרַבִּים, און דַאן אִיז דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי זַאךְ.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער, אַנְשְׁטָאט מְ'זָאל אִיר אוֹיפְקְלֶערְן אַז זִי טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג, הָאט מֶען גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִיר. זִי אִיז אַ בַּאלִיבְּטֶע אֵיינִיקֶל, און אִיךְ בִּין בְּלוֹיז אַ שְׁנִיר. אִירֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גָאר גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר פַאר'ן אִיר חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאבְּן קַאלְטֶע בַּאצִיאוּנְגֶען מִיט מִיר.

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, סְ'אִיז שִׁיעוּר אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אַ גֶט. מִיט דִי צַייט הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט, און דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט בָּרוּךְ ה'. דִי גוּטֶע צַייטְן הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג, וַוייל יֶעצְט, צְוֵויי יָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה, הָאט זִי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן ווִי פְרִיעֶר מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. און יֶעצְט מוּז אִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין מֶער צוּ מַיין שְׁווִיגֶער צוּלִיב מַיינֶע קִינְדֶער וָואס דַארְפְן גֵיין צוּ דִי זֵיידֶע און בַּאבֶּע, און זִי אִיז אַסַאךְ דָארְטְן, און אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי זִיךְ אַהִינְצוּטוּן אוֹיף דֶער ווֶעלְט.
~~~~~~~~~~~

איך הָאף אַז אִיר װעט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה און חִיזוּק וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע גֶערֶעכְטֶע טַעְנוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף אַייעֶר מַאן דַארְפְט אִיר ווִיסְן דֶעם הַקְדָמָה אִין לֶעבְן, אַז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שְׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן. אַז עֶס טוּט וֵויי פַארְ׳ן מַאן עֶפֶּעס פוּן דִי וַוייבּ אָדֶער עֶס טוּט וֵויי פַאר דִי פְרוֹי עֶפֶּעס פוּן אִיר מַאן - דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים און וָואס עֶס דְרוּקְט אִים, וֶוערְט עֶר מִיט דִי צַייט אָנְגֶעגֶעסְן אִין זִיךְ וְכוּ׳, דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט און אוֹיסְגֶעלָאשְׁן און וֶוען מֶען קֶען דָאס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען און עֶס פְּלַאצְט אוֹיס - אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; אַסַאךְ מָאל צֶעפַאלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער און מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט בְּרַבִּים וָואס דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה אַריין גֶעמִישְׁט וְכוּ׳ און עֶר אִיז אַריין גֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן וֶועט אִיר זֶען וִוי אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; רֶעדְטְס שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, זָאגְטְס אִים וִוי שְׁטַארְק עֶס טוּט אַייךְ וֵויי וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִיר, פַארְצֵיילְטְס אִים אַז אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ און שְׁוַואכְט אָפּ אַייעֶר קֶשֶׁר מִיט אִים, זָאגְטְס אִים: "עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט מִיר, שְׁמוּעֶס מִיט מִיר בִּיז פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס"; פְרֶעגְטְס אִים: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט מִיט מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען?" וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן וְכוּ׳.

וֶוען אִיר דֶערְצֵיילְט אִים וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט זוּכְן אִים אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן און צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיר זָאלְט בְּעִיקָר אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַז דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ און אַז דָאס נֶעמְט אַייךְ אַוֶועק אַייעֶר שְׁלָאף, אַייעֶר קָאפּ און מֹחַ, וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן פַאר אַייךְ און עֶר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן מֶער מִיט אִיר.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן נָאכְאַמָאל, אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים מִיט חָכְמָה, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; פְרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ, זֵיי קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַלֵיינְס חָרוּב מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת. אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעְנֶה'ן מִיטְן מַאן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים, קֶען מֶען דָאס טוּן מִיט חָכְמָה; אַז מֶען גֶעבְּט דֶעם מַאן לִיבְשַׁאפְט, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים, וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס זַיין גוּט אוּן וואוּיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן וֶועגְן פַארְבְּרֶענְגְן מִיט דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַ בִּיאוּר אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן נט; לִקּוּטֵי עֵצוֹת עֶרֶךְ בָּנִים): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים שֶׁיִּתְקַיְּמוּ אֶצְלוֹ לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, דְּהַיְנוּ לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם הַרְבֵּה וּלְשַׁעֲשֵׁעַ אִתָּם בְּכָל פַּעַם. רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם, רַק מַה שֶּׁצְּרִיכִים לְחַנְּכָם בַּעֲבוֹדַת ה' כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהִתְגַּדֵּל, אֲבָל לֹא לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בָּהֶם הַרְבֵּה ". אַז ס'אִיז בֶּעסֶער פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ זַיין צוּ נָאנְט צוּ זֵיי, נִישְׁט צוּפִיל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, נָאר עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי, נָאר זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ עֲבוֹדַת ה' וֶוען זֵיי הוֹיבְּן אָן אוּנְטֶער צוּ וַואקְסְן.

הַיינְט רֶעדְט מֶען אַזוֹיפִיל ווִי שְׁטַארְק מְ'דַארְף אַוֶועקְגֶעבְּן אַסַאךְ צַייט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ווִי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ תְּשׁוּבָה פַאר דַיין שְׁאֵלָה אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל (אִידִישׁ חֵלֶק ב, מִכְתָּב רסט), וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָא הָאסְטוּ דֶעם בְּרִיו גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"שׁ אִין אִידִישׁ:
~~~~~~~~~~~

"בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז ה'תשע"א.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֵיינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ט) מְסוּגָּל יוֹתֵר לְבָנִים, לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָבוּק בָּהֶם לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלַל; דָאס הֵייסְט עֶס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער אַז מֶען לֶעטְשְׁקֶעט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַזוֹי וְכוּ', אוּן מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי וְכוּ'.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז דָא אַ כְּלַל, אוּן עֶס אִיז דָא אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלַל. אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען קִינְדֶער מְקָרֵב זַיין, וּבִפְרַט אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי גַאסְן זֶענֶען הֶפְקֵר, אוּן עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, פּוּסְטֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ קַיין שׁוּם תּוֹכְן נִישְׁט, דַארְף דֶער טַאטֶע זֶען אָנְצוּבּוּנְדְן מִיט זַיין זוּן אַ פְּנִימִיּוּת'דִיגֶער קֶשֶׁר וָואס דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן צוּטְרוֹי צוּם טַאטְן, אוּן זָאל זִיךְ קֶענֶען מִיט אִים דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט מִיט אַ קִינְד דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, אוּן דָאס הָאט אַ קִינְד לִיבּ, אַז מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּן עֶר וֶוערְט זֶעלְבְּסְשְׁטֶענְדִיג, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר הַצְלָחָה אִין זַיין צוּקוּנְפְטֶער לֶעבְּן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיט'ן קִינְד וְכוּ', אַזוֹי וִוי מִיט אַ בֶּעבִּי, אוּן מֶען קוּשְׁט אִים אַלְץ אוּן מֶען הַאלְדְזְט אִים אַלְץ, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים וִוי מִיט אַ קְלֵיין קִינְד, בְּלַייבְּט עֶר מִיט אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל.

אוּן דָאס אִיז דֶער כְּלַל, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קוּשְׁן אוּן הַאלְדְזְן דָאס קִינְד, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים לִיבּ, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מִיט אַ קוּשׁ אָדֶער מִיט אַ גְלֶעט הָאט מֶען אִים לִיבּ, אַדְּרַבָּה מֶען מַאכְט אִים עֶר זָאל בְּלַייבְּן אַ בֶּעבִּי, אַ שֵׂכֶל פוּן אַ קְלֵיין קִינְד. דֶער יוֹצֵא מִן הַכְּלַל אִיז אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ קִינְד אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מַסְבִּיר אַ גְרוֹיסְן פַארְשְׁטֶענְדְלִיכְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם שֵׂכֶל פוּן קִינְד.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן אוֹיף דִי שִׂיחָה דֶעם לָשׁוֹן, "מֶען קוּשְׁט נִישְׁט אוּן מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט" אַ קִינְד, אוּן עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט דֶעם מֵיינוּנְג פוּן דִי וֶוערְטֶער, דָאס אַז מֶען קוּשְׁט צוּפִיל אַ קִינְד וֶוערְט עֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן מֶען דַארְף אִים נָאכְדֶעם שְׁלָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוילְד.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען לְכַתְּחִילָּה נִישְׁט קוּשְׁן, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין וִוילְד, עֶר וֶועט הָאבְּן יִרְאָה אוּן פַּחַד פוּן טַאטְן, אוּן מֶען וֶועט אִים נִישְׁט דַארְפְן שְׁלָאגְן".

דָא הָאסְטוּ אַ קְלָארֶע הֶסְבֵּר פוּן מוֹהַרָא"ש ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט קִינְדֶער.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן תֵּירוּצִים אוֹיף אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת; עֶס וֶועט דִיר קְלָאר וֶוערְן אַ וֶועג פַארְ'ן לֶעבְּן אִין יֶעדֶע הִינְזִיכְט, הֵן אִין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, ווי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט עֶלְטֶערְן וְכוּ' וְכוּ'.

אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין אִידִישׁ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ, מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו אִין אִידִישׁ פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע וויל אַנְדֶערְשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיז מִיר מְחַיֶה יֶעדְן טָאג. אִין דֶעם זְכוּת זָאג אִיךְ יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ וויל פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז אַ מֵיידְל זָאל נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט מִיט הוֹיזְן ווייל ס'אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת.

וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז מַיין טַאטֶע וויל דַוְקָא אַז אִיךְ זָאל יָא אַזוֹי טוּן. עֶר צְווינְגְט מִיר נִישְׁט עֶס טוּן, אָבֶער עֶר וויל בֶּעסֶער אַז אִיךְ זָאל יָא שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אוֹיךְ מִיט הוֹיזְן. וָואס דַארְף אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייטְס וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים אַז מֶען זָאגְט, אִיז אַזוֹי ווי אַ פָּאנְטְשׁ"; גֶעוֶוענְלִיךְ הַאלְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג טְרִינְקֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין דוּרְשְׁטֶעריג
~~~~~~~~~~~

זָאל עֶר הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ טְרִינְקֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְש זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים כְּדֵי צוּ גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פַאר זַיין נְשָׁמָה.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן עֶנְדִיגְן סֵפֶר תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ, אַזוֹי פִירְן זִיךְ אוֹיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּט'ֶע אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים. הַרַב הַקָדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם שִׂיחָה אִין סֵפֶר וַיוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּט'ֶע אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

בְּנוֹגֵעַ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וְכוּ' וֶוען אַייעֶר טַאטֶע ווִיל אִיר זָאלְט דַוְקָא גֵיין מִיט הוֹיזְן, אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט טוּן; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, ווייל פוּן אֵיין זַייט אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'ֶע מִצְוָה, אַזוֹי וַוייט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) אַז דָאס אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז צְנִיעוּת אוֹיךְ זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'ֶע זַאךְ, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; זָאלְט אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִיר זָאלְט זָאגְן פַאר אַייעֶר טַאטֶע אַז מֶען הָאט אַייךְ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת פַאר אַ מֵיידְל צוּ גֵיין מִיט הוֹיזְן, וֶועט עֶר הָאבְּן נַחַת פוּן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק צָרוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען, אוּן ס'אִיז נִישְׁטָא דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, פַאר אַייעֶר גֶעטְרֵיישַׁאפְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט אַייךְ זִיכֶער בַּאצָאלְן.
~~~~~~~~~~~

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן זֵייעֶר אַ צֶעפָּארֶענֶע צֶעפְּרַאסְקֶעטֶע שְׁטוּב. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מִיר הָאבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין שְׁטוּב, מַיין מַאמֶע שְׁרֵייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר אִין פָּארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, מַיינֶע בְּרִידֶער שְׁלָאגְן מִיר כְּסֵדֶר אוּן יֶעדֶע פָּאר טֶעג דַארְף אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב, אוּן צוּ דֶעם אַלֶעם אִיז מַיין טַאטֶע לֶעצְטְנְס קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין זֵיידֶע בַּאבֶּע צוּ וֶועמֶען אִיךְ קֶען גֵיין, מַיין סֶעמִינַאר הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע פְּלַאץ וואו צוּ זַיין, אוּן מַיין לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן חָרוּב. שַׁבָּת דַארְף אִיךְ זִיךְ אַלֵיין צוּשְׁטֶעלְן, אוּן נִיטְאַמָאל עֶסְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט.

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק מִיט אַ זַאךְ וָואס אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאגְט נִישְׁט צְוֵויי מָאל, אוּן אוֹיבּ לַייד אִיךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אַלְס מֵיידְל, וֶועט מִיר מִסְתָמָא גֵיין גוּט נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְן מִיר דָאךְ אַז יֶעדֶער דַארְף לַיידְן, אוּן אֶפְשֶׁר וֶועל אִיךְ וַוייטֶער הָאבְּן צָרוֹת נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ?

אִיךְ מוּז הָאבְּן חִיזוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מַיין הַארְץ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוַואךְ פוּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יְסוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"א תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצד)**: "אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ", נָאךְ אַלֶע יִסּוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים", נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וִויל זִיךְ נִישְׁט גְרִינְגֶער מַאכְן מִיטְ'ן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אֲפִילוּ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים, "אֲבָל נֶגֶד דְּבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת", אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נֶענְטֶער דוּרְךְ דֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה", אִיז אַלֶע יִסּוּרִים גָארְנִישְׁט אַנְקֶעגְן דֶעם, "וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער מַאכְט מִיר דִי אַלֶע וֵוייטָאג? וֶוער נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעזוּנְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט מִיר דָאךְ דִי יִסּוּרִים, אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּ אִים.**

"וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקֵחַ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה בֵּן. מִי לוֹקֵחַ? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד און מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער הָאט דָאס מִיר אַוֶועק גֶענוּמֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוֹיב אַזוֹי וֶוער אִיךְ דָאךְ נֶענְטֶער צוּ אִים, עַיֵּין שָׁם.

אַז אִיר ווילְט אַבִּיסְל חִיזוּק זָאלְט אִיר אַרַיין קוּקְן אִין צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועט אִיר אַנְדֶערְשׁ רֶעדְן און טְרַאכְטְן. אִיךְ בְּרֶענְג אַייךְ אַרָאפּ אַ שְׁטִיקְל וואו מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט וֶועגְן זַיינֶע יִסּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן אִין זַיין לֶעבְּן און עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז אַלֶע מִיר זָאלְן אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז יִסּוּרִים.

צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד:

"מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וויפִיל יִסּוּרִים און עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג און פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, און אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס אִיז וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע פִילֶע צָרוֹת און יִסּוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, תֵּצֵא): "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסּוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסּוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרִי, וָאֶתְחַנַּן): "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָווֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסּוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט ווִי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסּוּרִים וֶועט דָאס יָא אָפְּמֶעקְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת".

נָאךְ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער קוּקְט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט; מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן און מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען און מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאזְן אִין אוּנְז אַ

גֵייסְט מִיר זָאלְן וֶועלְן לֶעבְּן און מִיר זָאלְן מַאכְן אַנְדֶערֶע זָאלְן לֶעבְּן. מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט דָאס אַלֶעס גֶעקֶענְט טוּן נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר ווִילְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע צָרוֹת זָאלְט אִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֶעוואוֹינְטְס זִיךְ צוּ צוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַייעֶר הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זוּכְטְס אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אַייעֶר לֶעבְּן; הֵייבְּטְס אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט און בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן דָאס לֶעבְּן. אֵיינְמָאל אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועט אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט נָאכְן בַּאגְלֵייטְן זַיין זוּן הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי מֵאִיר נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ קְלַאפּ אִין רוּקְן און וֶוען עֶר דְרֵייעֶדְט זִיךְ אוֹיס זֶעט עֶר אַז זַיין לִיבֶּער חָבֵר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם קְלַאפּ - טוּט עֶס נִישְׁט וֵויי, מֶען נֶעמְט דָאס וִוי אַ פְרַיינְדְלִיכֶע בַּאגְרִיסוּנְג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ, מַיין זוּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג, אָבֶּער אִיךְ גֶעבּ אַ קוּק: 'וֶוער קְלַאפְּט מִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס', דֶערְפַאר טוּט עֶס נִישְׁט וֵויי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיז טַאקֶע נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אִין דִי שִׁיעוּרִים אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים, און דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל מִיר גֶעפִינֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דִי תּוֹרָה און חַזַ"ל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן חֲבֵרִים. צוּם בֵּיישְׁפִּיל "אַהֲבַת דָוִד וִיהוֹנָתָן", "נוֹשֵׂא בְּעוֹל עִם חֲבֵירוֹ", "דִיבּוּק חֲבֵרִים", און אִין דִי גְמָרָא מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת דַף יז "וְתַקְנֵינוּ בְּחָבֵר טוֹב בְּעוֹלָמְךָ".

און אַזוֹי אִיז בַּאקַאנְט פוּן אַסַאךְ חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים אַז אִידְן מוּזְן זִיךְ אַלֶעמָאל הַאלְטְן צוּזַאמֶען, זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אֵיינֶער פַארְ'ן צְווייטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. חַזַ"ל זָאגְן שׁוֹין "שֶׁלִּי שֶׁלְּךָ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי", און אִין סֵפֶר יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק "לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִרְדָּף" אַז וֶוער סְ'טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּן חֲבֵרִים גֵייט נָאךְ זַיינֶע תַּאֲווֹת.
~~~~~~~~~~~

דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיר קֶענְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי חֲבֵרִים".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): "אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם?" וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן, "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶער חָבֵר; ווַייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חָבֵר קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. נָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר אַז חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כג.): "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶער חָבֵר אִיז מֶען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

דוּרְךְ אַ גוּטֶע חָבֵר קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִיק אַסַאךְ מֶער; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד) אַז דוּרְךְ אַ חָבֵר קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער חַזֶר'ן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִיק, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַ חָבֵר מֶער ווִיפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, אוּן פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאךְ מֶער ווִי פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן, ווַייל רֻבָּם כְּכוּלָם מֵיינֶען דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז כְּסֵדֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ג): "הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת, שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לָאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן. נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן, וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן סְתָּם זַאכְן וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דְבָרִים שֶׁל רְשׁוּת, דָאס הֵייסְט "הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת" - מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן זִיךְ ווִי חֲבֵרִים, "שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לָאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן" - דָאס וָואס זֵיי וֶועלֶן דִיר מְקָרֵב אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ ווִי חֲבֵרִים דָאס טוּעֶן זֵיי כָּל זְמַן זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, דָאס טוּעֶן זֵיי פַאר זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע, "נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן" - ווִי לַאנְג זֵיי קֶענֶען אַרוֹיס הָאבְּן פוּן דִיר אַ הֲנָאָה מַאכְן זֵיי זִיךְ ווִי זֵיי הָאבְּן דִיר לִיבּ אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז זֵיי קֶענֶען מֶער גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן דִיר דֶערְמָאלְט ווַארְפְן זֵיי דִיר אַוֶועק, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן: "וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ" - זֵיי

הֶעלְפְן נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֲבֵרִים, וַוייל אַן אֱמֶת'עֶר חַבֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ טוֹבַת הַנָאָה פוּן אִים.

דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט מוֹהַרָא"ש אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן מִיר זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חֲבֵרִים אוּן פוּן פְרֵיינְד אוּן דָאס זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, זַיי זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט חֲבֵרִים, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ. וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חַבֶר וָואס אִיז דָא אִיז דֶער מַאן פַאר זַיין וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ פַאר אִיר מַאן, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג אִינְאֵיינֶעם (אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן).

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מְעַיֵין זַיין אִין צַוָואַת מוֹהַרָא"ש (אוֹת ט) וואוּ מוֹהַרָא"ש רֶעדְט פוּן חֲבֵרִים, אִיךְ בִּין דִיר מַעתִּיק דֶעם חֵלֶק צַוָואָה:

"אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, וֵוייל עֶר חַנְפְ'עֶט נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן לֶעבְּט זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר הַיינְט, עֶס אִיז מִיר גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב נָאךְ אַ יוּנְגֶעלֶע קַיין עַיִן הָרָע, אַ גֶעזוּנְט קִינְד בָּרוּךְ ה'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ; דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז זֵייעֶר שֵׁיין, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס קוּמֶען מִיר זִיךְ צוּזַאם אַלֶע בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט, קוֹדֶם זִינְגְט מֶען זְמִירוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים. מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קוֹרַח וָואס הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, קוֹרַח וַעֲדָתוֹ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז כֻּלּוֹ תְּכֵלֶת אָדֶער וֶוען מֶען הָאט אַ בַּיִת מָלֵא סְפָרִים אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט סְפָרִים, עֶר הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס זָאגְט אַז מֶען זָאל לֵייגְן אֵיין בֶּענְדְל פוּן תְּכֵלֶת אוּן דָאס אִיז גֶענוּג.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח וָואס עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַטֵּל זַיין צוּ אִים אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַז רוּחָנִיּוּת זָאל זַיין אִין גַשְׁמִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת אִין רוּחָנִיּוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קו, טז): "וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה בַּמַּחֲנֶה לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה'", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין

ווי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָועם דִי תּוֹרָה רוּפְט אָן (דְּבָרִים לג, א): "אִישׁ הָאֱלֹקִים" - דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, יד): "וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם", אָט אִיז עֶר אוֹיפְ'ן בַּארְג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָט אִיז עֶר צְווִישְׁן דֶעם עוֹלָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יח, יג): "וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה לִשְׁפֹּט אֶת הָעָם וַיַּעֲמֹד הָעָם עַל מֹשֶׁה מִן הַבֹּקֶר עַד הָעָרֶב"; אוּן דָאס זֶעלְבֶּע מִיט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיטְ'ן מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ אוּן וֶוען מֶען מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן וְכוּ' רֶעדְן כָּל מִינֵי זַאכְן וְכוּ', אוּן אָט אִיז עֶר "קָדוֹשׁ ה'" - עֶר גֵייט אַרַיין אִין קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים וְכוּ'; דָאס אִיז גֶעוֶוען קֹרַח'ס טָעוּת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי דָאס גֵייט צוּזַאמֶען.

עֶס אִיז בַּאוְוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט בַּיי אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע גִלְגוּלִים, אֵיינֶע פוּן זֵיי - וִוי עֶר גֶעדֶענְקְט זִיךְ זַייעֶנְדִיג בַּיים דוֹר הַמִּדְבָּר, הָאט אִים זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפְרֶעגְט: "זֵיידֶע, מִיט וֶועם בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיי דִי מַחְלוֹקֶת?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער זַייט", הָאט אִים דֶער יֵיטֶב לֵב ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס דֶער נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען; קֹרַח הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַלֶע רֶבִּי'ס מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע אִידְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, וַוייל קֹרַח הָאט זִיךְ אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט ווִי אַן עוֹבֵד ה', אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אַפִּיקוֹרֶס, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין, דַּף נ.): 'קֹרַח מִין הָיָה'".

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן וָואס טוּט זִיךְ דָא אִין קֶעמְפּ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַבִּיסְל טָרוּד יֶעצְט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער ווִי לַאנְג מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' וֶועט אַהֵיים קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף. דָא אִיז מַמָּשׁ ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "דֶער פֵייעֶר בְּרֶענְט אוּן דֶער קָאךְ קָאכְט פֵיינֶע מַאֲכָלִים"; בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, מֶען מַאכְט יֶעדְן טָאג סִיוּמִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, אוֹיךְ וֶוערְן מְקוּרָב יֶעדְן טָאג פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, זֵיי קוּמֶען מִיט אַ פְרִישֶׁע חַיוּת זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אוֹיךְ אִין מֵיידְל קֶעמְפּ הָאבְּן מִיר מְיַיסֵּד גֶעוֶוען אַ פְּלַאץ פַאר דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ מַאכְן דָארְט אַ חֲנוּכַּת הַבַּיִת פַאר דִי תַּלְמִידִים כְּדֵי צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט. אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער אַהִין, וֶועסְטוּ זֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן ווִי פְלַייסִיג מֶען לֶערְנְט. פַארְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְדֶעם בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג לֶערְנְט מֶען יֶעצְט הִלְכוֹת שַׁבָּת

און נָאכְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה. אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר גְרִיסְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרַיין דָארְט, זֵיי זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז מֶען לֶערְנְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַתְמָדַת הַתּוֹרָה.

מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט דִי קְוֶועלֶער און דִי וַואסֶער בַּאסֵיינֶען אִין אוּמַאן; אִיךְ שִׁיק דִיר דָא בִּילְדֶער זָאלְסְט זֶען וָואס טוּט זִיךְ דָארְט.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; כָאטְשִׁיג שְׁרַייבּ מִיר בִּכְתָב וָואס דוּ מַאכְסְט און פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ בֶּענְק זֵייעֶר צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**מַזָל טוֹב צוּ עֶנְקֶער שִׂמְחָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב צוּ עֶנְקֶער שִׂמְחָה פוּן אַייעֶר נֵיי גֶעבּוֹירְן אִינְגְל ... נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען פוּן אִים רֹב נַחַת דִקְדוּשָׁה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

מִיר שֶׁענְקֶען אַייךְ אַ מַתָּנָה פַאר אַייעֶר שִׂמְחָה אַלְס אַן הַכָּרַת הַטוֹב; מִיר זֶענֶען דִיר מַכִּיר טוֹבָה אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אוּנְז בְּלֵב וּבְנֶפֶשׁ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, בִּפְרַט מִיטְ׳ן דֶעקְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי רֶענְט פַארְ׳ן בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט אַ לִיכְט פַאר טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹסָד, דָאס אִיז וָואס וֶועט פוּן אוּנְז אִיבֶּערְבְּלַייבְּן לְנֵצַח נְצָחִים.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז עֶנְק מַכִּיר טוֹבָה און הָאט עֶנְק לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר; וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע עֵצוֹת, בִּפְרָט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. אַז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּהֶ.

וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אֲפִילוּ מֶען זָאל זַיין אִין אַ צָרָה הָאט מֶען אַ וֶועג אַרוֹיס. מוֹהַרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ אַטַאקֶע לֹא עָלֵינוּ אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּנְטְן אִין זַיין צִימֶער שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר קֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס צוּ טוּן אוּן וֶועם צוּ רוּפְן, "אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט תְּפִילָה! אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין אִין שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל זֶען וִוי אִיךְ וֶוער נִפְטָר, אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַלֵיין, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען - הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעזָאגְט - פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק טו): 'לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ', נָאר דָאס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט לְבֵית עוֹלָמוֹ".

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֶעבּ אַ קוּק וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אֵייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זַיינֶע רְוָחִים בְּרוּחָנִיּוּת. פּוּנְקְט וִוי בַּיי גַשְׁמִיּוּת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּיזְנֶעס דַארְף עֶר הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן צִי דִי בִּיזְנֶעס פַּארְדִינְט אָדֶער דֶערְלֵייגְט, אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בּוֹדֵק זַיין: 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט?' 'אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ?' אוּן זֶען זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן.

כַּאפּ אַריין אַבִּיסְל תּוֹרָה, זֶע צוּ לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁידוּךְ.**
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁידוּךְ; דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַלְט, דוּ בִּיסְט פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג אוּן זִי אִיז זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג, דָאס אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג.

גֵיי וִוי פְּרִיעֶר אַרוֹיס מִיט אִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר אוּן הֶער פוּן אִיר וָואס זִי ווִיל אִין לֶעבְּן; צִי זִי ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי דִיר (חַגַּי ב, ט): ״גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן, מִן הָרִאשׁוֹן״.

...

~~~~~~~~~~~

**פָּאלְג דֶעם צַדִּיק אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין סְלִיוְו.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דִי שְׁאֵלָה אִיז בִּכְלַל; אַז מוֹהֲרָא״שׁ הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר נִישְׁט צוּ מַאכְן דֶעם סְלִיוְו אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַנְדֶערְשׁ צוּ זָאגְן, ווַייל וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ צַדִּיק אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה אִיז גוּט צוּ פָּאלְגְן.

פְּרוּבִּירְטְס מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מַאכְטְס פְרֵיילִיךְ אַייעֶר מַאן; הֵייבְּטְס אוֹיף זַיין מוּט אוּן הֶעלְפְּטְס אִים עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר עֶסְט, גֶעבְּטְס אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין צוּקֶער וֶועט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ הִיטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אוֹיסְלֵייזְן דֶעם בָּאס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעבָּארְגְט גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְלֵייזְן דֶעם בָּאס וְכוּ'.

גֶעבּ אִיךְ דִיר אַ בְּרָכָה דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, וּבְעִקָר זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַאכְן רוּחְנִיוּת'דִיגֶע גֶעשֶׁעפְטְן, נִצְחִיוּת'דִיגֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן לָנֶצַח נְצָחִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּעִיקָר אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא. נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס מֶען קֶען מַאכְן.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן הַפָּצָה בְּרֶענְגְט פֵּירוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הַפָּצָה, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס שֶׁפַע.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר פוּן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, (עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְ'ן 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי'), עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרַיין לֵייגְן זַיין הַאנְט אִין טַאשׁ וֶועט עֶר אֵייבִּיג טְרֶעפְן דָארְט גֶעלְט. וְכַךְ הֲוָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אִין טַאשׁ אוּן גֶעטְרָאפְן גֶעלְט; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט כַּמָה פְּעָמִים אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "אִיךְ גֶעבּ אַ בְּרָכָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוער עֶס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, וֶועט אֵייבִּיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ".

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אִין אֵיינֶע פוּן דִי הֵיימִישֶׁע מֵיידְל קֶעמְפְּ'ס אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַ שְׁפִּיל אַז יֶעדֶער דַארְף זָאגְן וָואס פַאר אַ חֲסִידוּת הָאט דִי מֶערְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע חֲסִידוּת'ן בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ בְּרֶסְלֶב, הָאט אַ מֵיידְל גֶענוּמֶען דֶעם מֵייק אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען: "בְּרֶסְלֶב זוּכְט נִישְׁט צוּ וֶוערְן גְרֶעסֶער נָאר אַז דַיין לֶעבְּן זָאל וֶוערְן בֶּעסֶער", אוּן אִיבֶּער פִינְף הוּנְדֶערְט מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן מִיט גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן פוּן דִי סִידִי: "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה נוּמֶער צְוֵויי"; אַ יוּנְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זַיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן זָאגְנְדִיג מִיט
~~~~~~~~~~~

אִיבֶּערַאשׁוּנְג: "דוּ וֵוייסְט וָואס גֵייט פָּאר? דִי גַאנְצֶע קֶעמְפּ, אַלֶע מֵיידְלֶעךְ הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן נִיגוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן!" דָאס אִיז נָאר צוּ פַארְדַאנְקֶען דִי מְפִיצִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוּן גֵייעֶן הַפָּצָה טָאג אוּן נַאכְט אָן אוֹיפְהֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן אַ נַאכְטְמָאל אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ מִתְנַדֵּב גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ נַאכְטְמָאל אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אוּנְזֶער כּוֹלֵל, אוּן אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה מִיט אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר.

דָאס אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט וָואס אִיר וֶועט נָאךְ זֶען; אִיר וֶועט בְּקָרוֹב זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט אַייךְ אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי חָשׁוּב'עֶ כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר גְרִיסְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אִין כּוֹלֵל, זֵיי זָאגְן אַלֶע פֶּה אֶחָד אַז מֶען זֶעט כִּמְעַט נִישְׁט אַזַא מָקוֹם תּוֹרָה וואוּ אַלֶע אַבְרֵכִים לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה אַ גַאנְצְן טָאג בְּלִי הֶפְסֵק כְּלַל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת הַמִּצְוָה הַזֹּאת.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּ בִּיסְט זֵייעֶר נָאנְט צוּ מַיין הַארְץ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ זִיץ דָא אִין קַאנְטְרִי מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מַאנְטִיסֶעלָאו, אוּן דוּ בִּיסְט אִין שְׁטָאט. אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט אָבֶער עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג אוּן אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִיר, דוּ קוּמְסְט מִיר אַרַיין אִין מַחְשָׁבָה זֵייעֶר אַסַאךְ.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל פוּן אַלֶע יוּנְגֶעלַייט תַּלְמִידִים אוּן פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים בִּיסְטוּ נָאךְ דִי מֶערְסְטֶע גֶעטְרֵייִ פַאר׳ן מוֹסָד.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ כְּאִילוּ נִישְׁט נָאנְט צוּ מִיר וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר מִיר פְּרִיוַואט אוּן פַאר׳ן מוֹסָד.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אוּן סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַדִיק, אוֹת קמג וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף ר׳ יוּדְל וְכוּ׳; לֶערְן דָאס יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זַיין שְׁטַארְק מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, עֶס וֶועט וֶוערְן פוּן שֶׁקֶר - אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**פְּרִישֶׁע יוּנְגֶעלַייט אִין כּוֹלֵל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַת, ו׳ תַּמוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיט דִי כּוֹלֵל. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער כּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז פַאר אוּנְז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס זִיצְן יוּנְגֶעלַייט יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים אוּן לֶערְנֶען גְמָרָא וַהֲלָכָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה, אוֹיף אַ פַארְנֶעם וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דָאס גְלַייכְן.

יֶעצְט זֶענֶען נִתְרַבֶּה גֶעוָוארְן סַפְסָלֵי בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען בָּרוּךְ ה׳ פְּרִישֶׁע אַבְרֵכִים, דַארְפְן מִיר יֶעצְט הָאבְּן יֶעדֶע וָואךְ קָרוֹב צוּ פוּפְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער. בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיס שֶׁפַע.

קוּק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז אַהֶער; אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, דָאס אִיז דָאךְ מֶער פוּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גֶעלְט, אַ צְוֵוייטֶער
~~~~~~~~~~~

הָאט הַייזֶער, אַ דְרִיטֶער הָאט גֶעשֶׁעפְטְן אוּן דוּ הָאסְט קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ בְּדַרְכֵּי הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

בָּרוּךְ ה' דַיין אֵיידֶעם נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ טַייעֶרער יוּנְגֶערְמַאן, עֶר אִיז אוֹיךְ אַרַיין אִין כּוֹלֵל אוּן לֶערְנְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי עֵצָה זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן מִיטְ'ן הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִי טֶעג וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, יֶעדֶעס וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן הָאט דִיר אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט; אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנַייעֶן - חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם.

לְדַעְתִּי קוּמְט דָאס וַוייל דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט אַכְטוּנְג פוּן הֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ רֶעדְסְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אִים אַ חַבְרוּתָא'שַׁאפְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'): אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ חַי'; מֶען כַאפְּט נִישְׁט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען הָאט חֲבֵרִים אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סַם וָואס טוּט אִים אָפְּקִילְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קלג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", גִיוַואלְד, דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט אוּן ווֹאוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת אוּן דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס.

מוֹהֲרְנַ"ת פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן הֶערְט שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט פַּרְנָסָה, מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט וָואס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶּער -
~~~~~~~~~~~

גִּיוַואלְד און גֶעשְׁרִיגְן: "דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס!" ווען דֶער פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב טְרֶעפְט אָן אַ לֵץ און דֶער לֵץ פְרֶעגְט אִים: "וואו דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" און דֶער מְקוֹרָב עֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקְל וואו עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל און דֶער פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב טְרַאכְט שׁוֹין וְכוּ'... אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גִּיוַואלְד"; און אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: "גִּיוַואלְד, גִּיוַואלְד".

בַּארֶעכְן זִיךְ וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִיר און גֵיי אִיבֶּער דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן; דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ הָאסְט הַיינְט שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא און מֶדְרָשׁ וְכוּ'; דַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעבִּיטְן מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ זַייט דוּ קוּמְסְט צוּם רֶבִּי'ן, און נָאךְ זַאכְן אָן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זַייט דוּ הֶערְסְט לֵיצָנוּת און נִיבּוּל פֶּה פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קִילְט זִיךְ דִיר אָפּ דַיין בְּרֶען און וֶוער וֵוייסְט ווִי וַוייט דָאס וֶועט הָאבְּן אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִיר.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה וָואס אִיךְ הָאבּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיט אַלֶע מְנִיעוֹת, לֵיצָנוּת און רְדִיפוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן בְּרֶעסְלֶב אִיז עֶס קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, דָאס אִיז נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן פוּן לֵצִים. ווען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט מֶענְטְשְׁן רֶעדְן צוּ מִיר לֵיצָנוּת אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ אָדֶער אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַן עֶק בַּיי מִיר אִין הַארְץ אַז מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעווִיזְן פַאר קֵיינֶעם אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן וְכוּ' און אִיךְ הִיט זִיךְ פוּן יֶענֶעם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעהִיטְן פוּן זֵיי.

חַזֵר זִיךְ כְּסֵדֶר דֶעם פָּסוּק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", און אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ פוּן דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת; ווען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פוּן זַיין עֵצוֹת מַאכְט עֶר נִישְׁט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. וַוייל ווען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער טָאג ווען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת וֶועט אִים אַהֵיים רוּפְן וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן; עֶר וֶועט קֶענֶען שְׁרֵייעֶן און וֵויינֶען אָבֶּער עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין נַאקֶעט פוּן דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען וֶוער דֶער גֶעשְׁפֶּעט אִיז, וַוייל וֶוער עֶס הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ עֶרְנְסְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין דַּרְגָּא בָּעוֹלָם וָואס עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פוּס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס... דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

מָארְגְן, מִיטְוָואךְ נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ שִׁיעוּר אִין קֶעמְפּ פַאר דִי פְּרוֹיעֶן; גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז זִי זָאל וִויסְן צוּ קוּמֶען. אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן דִי שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים פְּרִיעֶר וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ אַז צֶען אַזֵייגֶער זָאל שׁוֹין דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זַיין לֵיידִיג אוּן גְרֵייט פַאר דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם.

גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף דִי בִּילְדֶער וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן אוּמַאן - וואוּ מֶען הָאלְט שׁוֹין; מֶען קֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם בִּנְיָן וָואס פְלֵימוֹ הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם הוֹיז וָואס רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָּה (תַּעֲנִית כה.): "בַּיִת זֶה שֶׁקִּירָה רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ"; גֶעבּ אַ קוּק, אַ בִּנְיָן מְפוֹאָר הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט אָן קַיין גֶעלְט אוּן אָן קַיין נְגִידִים, נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן רְצוֹנוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

רוּף שׁוֹין אָן הָאַבְרֵךְ... בַּאשְׁטֶעלְן אַ בֶּעט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט דָא קַיין בֶּעטְן אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט מִיר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין מִיט מִיר וֶועט דִיר גוּט זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהַרְא"שׁ חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מָאן מִנְכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקֶלְקֵייט מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ'; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר דַחְקוּת וַעֲנִיּוּת, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ טְרָאגְסְט עֶס מֶער נִישְׁט אִיבֶּער, דָאךְ פְּרָאבִּיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ.

פַארְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט דָאס פַארְצֵיילְט פַאר אַ חָבֵר. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְּרוֹיעֶן אִין בָּחוּרִים קֶעמְפּ - מַחֲנֶה הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.

אִם יִרְצֶה ה' אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן וֶועט זַיין אַ חֲנוּכַּת הַבַּיִת אִין מֵיידְל קֶעמְפּ; אִיךְ וֶועל דִיר מוֹדִיעַ זַיין וֶוען דָאס וֶועט זַיין.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; מוֹהַרְא"שׁ הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט: "זֶע צוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים אִין אוּמַאן". אוֹיךְ קֶענְסְטוּ דֶעם סִיפּוּר אַז מוֹהַרְא"שׁ הָאט דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִים אַוֶועק לֵייגְן אַ בֶּעט, עֶר וִויל זַיין מִיט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וְדֵי לַמֵּבִין.

אַזוֹי ווי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט דֶער בְּרִית זַיין אִין צַייט זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בָּלָק; דֶער בְּרִית וֶועל אִיךְ מַאכְן אִם יִרְצֶה ה׳ בַּיי מַיין גְרוֹיסְן זֵיידְ׳ן דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ״א אִין בָּארָא פַּארְק, אוּן דִי וַואכְט נַאכְט וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה ה׳ מוֹצְאֵי שַׁבָּת אִין קֶעמְפּ בְּעֵת סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה.

...

~~~~~~~~~~

**נִישְׁט דָא קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַארְ׳ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן בֵּיידֶע קֶעמְפְּס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַת, ז׳ תַּמוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס דוּ בִּיסְט מִיר בַּאלִיבְּט ווִי מַיין אֵייגְן קִינְד.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַארְ׳ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן בֵּיידֶע קֶעמְפְּס; דִי בָּחוּרִים קֶעמְפּ אוּן מֵיידְל קֶעמְפּ. דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט יוֹמָם וָלַיְלָה בְּמֶשֶׁךְ וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער. דִי זְכוּתִים פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן דִי גַאנְצֶע מַחֲנֶה גֵייט אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן; דָאס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל; אֱמֶת טַאקֶע דִי גַאנְצֶע קֶעמְפּ וַוארְט אוֹיף דִיר, יֶעדֶער צִיט דִיר צוּ זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן; דֶער דַארְף וַואסֶער, דֶער דַארְף סוּעֶר, אֵיינֶער דַארְף אַ גֶעז רֶענְדְזְשׁ, אַ צְוֵוייטֶער אַ בֶּעט וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַריינְ׳גַנֶב׳עֶנֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן תְּהִלִּים.

אַנְטְלוֹיף נִישְׁט, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ שׁוֹין שְׁטֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

~~~~~~~~~~

**עֶס פַּאסְט פַאר אַלֶעמֶען זִיךְ צוּ בַּאפְרַיינְדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַת, ז׳ תַּמוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

איר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶועזְן מִיט אַייעֶר בְּרִיוו; אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר וֵויינִיג אַזֶעלְכֶע בְּרִיוְון, רוֹב בְּרִיוְון זֶענֶען פוּן צָרוֹת, פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְן וְכוּ', וְכוּ'. נִישְׁט יֶעדֶער טְרַאכְט אוּן פַארְשְׁטֵייט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דַארְף אוֹיךְ אַמָאל הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'.

איר הָאט מִיר מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ צְווִישְׁן דִי פְרוֹיעֶן, ווִי שֵׁיין מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע; עֶס פַּאסְט פַאר אַלֶעמֶען זִיךְ צוּ בַּאפְרַיינְדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

איר פְרֶעגְט אִינֶעם בְּרִיוו וָואס אִיר קֶענְט מִיר מַכִּיר טוֹב זַיין אוֹיף אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן; מִיט דֶעם אַז אִיר זָאלְט מְקָרֵב זַיין אַלֶע פְרִישֶׁע וַוייבְּלֶעךְ וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הֵיימִישׁ, מַאכְט זֵיי שְׁפִּירְן גוּט. אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר זֶעט אַ פְרוֹי קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן בָּאנְגֶעלָאוֹ זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אִיר אוּן אִיר אַרוֹיסְרוּפְן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן לַחַץ (פְּרֶעשוּר) פוּן אַנְדֶערֶע; הַגַם בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָה וֶוער, וָואס אוּן וֶוען, אָבֶּער דִי לַחַץ פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט לוֹיפְט זֵיי נָאךְ אוֹיפְ'ן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין זְכוּת פוּן טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ שָׁאד ס'זָאל דוּרְכְגֵיין אַ וָואךְ אָן דְרוּקְן דִי "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ שָׁאד אַז מֶען דְרוּקְט מֶער נִישְׁט וֶועכֶנְטְלִיךְ דִי בְּרִיוְון פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; דִי מֶפִיצִים זָאגְן מִיר ווִי שְׁטַארְק בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, ווִי מֶען צוּכַאפְּט דָאס אִין דִי כּוֹלְלִים אוּן אִין דִי יְשִׁיבוֹת.

אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן דָאס צוּ מְנַקֵד זַיין זָאלְסְטוּ דָאס דְרוּקְן אָן נְקוּדוֹת, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט אוּן נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לוֹיט ווִי מוֹהַרְנַ"ת הָאט דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט, אוֹיף אַזַא פְּשׁוּט'עֶ גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ דָאס הַאלְט זֵיי בַּיים לֶעבְּן.
~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז; מְגַלְגְּלִין זְכוּת עַל יְדֵי זַכַּאי, חֲבָלִים נָפְלוּ לָךְ בַּנְּעִימִים אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיטְ'ן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי בְּרִיוְון; זָאלְסְטוּ נָאר גֵיין פָארְאוֹיס מִיט דֶעם.

...

~~~~~~~~~~

## אַ מְנֻוָּל דַארְף מֶען לֵייגְן אִין תְּפִיסָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אַייעֶר שְׁאֵלָה אִיז בִּכְלַל; אַוַדַאי הָאט אִיר גֶעדַארְפְט רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי אוּן אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם מְנֻוָּל אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט עֶר זָאל אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה, וַוייל אֵיינֶער וָואס נֶעמְט אַ קִינְד אוּן טוּט מִיטְ'ן קִינְד מַעֲשֶׂה נְבָלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַזַא אֵיינֶער בַּאקוּמְט תְּפִיסָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן א): "עַל יְדֵי נִאוּף נוֹפֵל לִתְפִיסָה".

אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט קִינְדֶער אוּן טוּט מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת, עֶר בַּאצְווִינְגְט זֵיי וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, מִיט אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען גֵיין בְּחוֹמֶר הַדִּין אָן קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת. אַזַא אֵיינֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רוֹצֵחַ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, וַוייל דָאס לָאזְט אִיבֶּער אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעק אוֹיף דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן. אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת, פַארְקֶערְט, אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יח, ד): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים, לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַכְזָרִים וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אַכְזָר אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן; וַוייל דִי קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַ קָרְבָּן פַאר דִי מְנֻוָּלִים וֶוערְן בַּעֲלֵי מוּמִין אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְּלָן.

דָאס וָואס אִיר שְׁפִּירְט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, אִיר טְרַאכְט אַז דִי מֵיידְל אִיז גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן נַפְשִׁיּוּת'דִיג פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצֵיי; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן אַז זִי אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם מְנֻוָּל וָואס הָאט אִיר בַּאצְווִינְגֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט, יֶעצְט וֶוען זִי הָאט גֶעבְּרָאכְן דִי נֵייעֶס אַז דֶער פֶעטֶער אִיז אַ מְנֻוָּל אוּן מֶען הָאט אִים בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה - דָאס אִיז דֶער יְשׁוּעָה, אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט שֶׁעדִיגְן נָאךְ פוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

### אַלֶעס אִיז כְּדַאי אַבִּי צוּ זַיין אִין אַ גוּטֶע סְבִיבָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען זוּמֶער אִין קֶעמְפּ מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב; אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז מַמֶשׁ נִישְׁט צוּם דֶערְקֶענֶען, עֶר אִיז צוּרִיק דֶער אַלְטֶער ..., עֶר אִיז פוּל מִיט חַיוּת אוּן גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאווְנְט.

דָאס אִיז אַ שְׁטִיק "תְּפִלָּה מַעֲשֶׂה"; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אוּן פַאר אַייךְ אַז עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִים צוּרִיק אַ רוּחַ טָהֳרָה.

אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִין דִי חֲבֵרִים; דָא אִין קֶעמְפּ הָאט עֶר גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

דִי קְלוּגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן אִיז צוּ קוּמֶען אִין קֶעמְפּ; אֲפִילוּ עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם וִוי אִין שְׁטוּב, דָאךְ אִיז אַלֶעס כְּדַאי אַבִּי צוּ זַיין אִין אַ גוּטֶע סְבִיבָה, אַ גוּטֶע חַבוּרָה; אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

...

~~~~~~~~~~~

### דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן בַּאנַייעֶן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, אֲפִילוּ אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת, עֶר הָאט זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶועזְן זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען ווִיל וְכוּ'; אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶועזְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! פַארְוָואס

אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְקוּת!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקֶר אִיז 'זִיךְ דֶערְהַאלְטְן', נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט, וַוייל אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; בַּאנֵיי זִיךְ, אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ דַאוֶונְסְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, אִיךְ בִּין גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט נָאךְ אַ אִינְגְל לְמַזָל טוֹב, דֶעם בְּרִית וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' מַאכְן בַּיי מַיין גְרוֹיסְ'ן זֵיידֶע'ן דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א בַּיי אִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אִין מֵיידְל קֶעמְפּ; אִיךְ וֵוייס דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פְּלַאץ אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

אוֹיךְ אִיז נֶעכְטְן גֶעוֶוען אַ צוּזַאמְקוּם אִין קֶעמְפּ פַאר דִי פְּרוֹיעֶן; דֶעם שִׁיעוּר וֶועט מֶען קֶענֶען הֶערְן אוֹיף דִי פְּרוֹיעֶן הַאטְלַיין, זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל דָאס הֶערְן וֶועט זִי בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרִישֶׁע יוּנְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר.

בָּרוּךְ ה' דֶער קָאךְ קָאכְט אוּן דִי עֶסְן הָאבְּן אַלֶע טַעֲמִים, אֲפִילוּ דִי פֵייגְלֶען פָּאכֶען מִיט דִי פְלִיגְל, אָבֶער זֵיי הֶעלְפְן נָאר צוּ, זֵיי צִינְדְן אָן דִי פֵייעֶר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיטְ'ן דַאנְקֶען וֶועט קוּמֶען נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן אַייעֶר בְּרִיוּו מִיטְ'ן בִּילְד.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען דֶעם בִּילְד וִוי אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט נָאךְ אַ טָאג שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי שִׁיעוּר נֶעכְטְן נַאכְט.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר אוֹיף דִי גוּטֶע לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן; אַן עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט אַ הַארְץ פוּן פוּטֶער, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶר זוּכְט נָאר צוּ טוּן חֶסֶד פַאר אַלֶעמֶען. דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר מַאכְן נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר אַייעֶר הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט שֵׁיינֶעם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אִין דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס ... צָאלְט דִיר נִישְׁט פַאר דִי אַרְבֶּעט; עֶר טַעְנֶה'ט אַז וִוילַאנְג דִי יְשִׁיבָה צָאלְט נִישְׁט פַארְ'ן קֶעמְפּ צָאלְט עֶר נִישְׁט פַאר דִיר, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעבְּרָאכְן דֶעם קָאנְטְרַאקְט מִיטְ'ן נִישְׁט צָאלְן צֵייטְלִיךְ.

אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיי אַ מִיטִינְג מִיט אִים אוּן זַיין טָאכְטֶער; אִיךְ הָאבּ גֶעשַׁאפְן נָאךְ צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שַׁאפְן נָאךְ צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט בִּיז קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ. אִיךְ הָאבּ זֵיי אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן אִיךְ הָאף אַז קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועסְטוּ וֶוערְן בַּאצָאלְט.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵייִ בִּכְלָל אוּן בִּפְרַט מִיטְ'ן קֶעמְפּ אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט זֵיי; דָאס פַארְלַאנְג אִיךְ פוּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, וּבִפְרַט דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִינֶעם מוֹסָד. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אָדֶער אַן אַרְבֶּעטֶער פַארְ'ן מוֹסָד נָאר אַז מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיס מִיט שֵׁיינֶעם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.
~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְק זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב לַה' וּלְתוֹרָתוֹ.

לְמַעַן טוֹבָתְךָ זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ אוּן בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וואוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן מְחֻנָּךְ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטַהֲרָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בִּין אִים זֵייעֶר מְקָרֵב; אִיךְ הָאבּ אִים אַיינְגֶעלַאדְנְט צוּ דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת. אוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען דַאוְונְט עֶר גֶעבְּן מִיר, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

נֶעכְטְן נָאכְן זַיין בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ, זֶעעֶנְדִיג פוּן דֶער נָאנְט זֵייעֶר צְנִיעוּת אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וואוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן מְחֻנָּךְ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטַהֲרָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי וָואס מַאכְן דֶעם עֵירוּב אִין מֵיידְל קֶעמְפּ אַז יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ פַארְוָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם עֵירוּב מִיט רוֹיטֶע בֶּענְדְל, וַוייל אַזַא קֶעמְפּ מוּז מֶען אַרוּמְנֶעמֶען מִיט אַ רוֹיטֶע בֶּענְדְל אַנְטְקֶעגְן אַן עַיִן הָרָע.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן זַייטְס מְחַזֵּק דִי מֵיידְלֶעךְ.

אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן וִויל אִיךְ אִיבֶּערְגֵיין מִיט אַייךְ דֶעם פְּלַאן פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן חוֹבוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ דִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין חוֹבוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב". וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת; ווייל אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין חוֹבוֹת הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם און פוּן יֶענֶעם און מֶען דַארְף זָאגְן אַסַאךְ לִיגְנְט וְכוּ' וְכוּ'. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכב): "וּמוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ אוֹ לִבְנֵי בֵּיתוֹ בְּמַלְבּוּשִׁים מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לְהַחֶנְוָנִי אוֹ לַאֲחֵרִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ, ווִי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוֵוייטְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טַייעֶרֶער ..., הֶער אוֹיף בָּארְגְן; הֶער אוֹיף מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס - זִיךְ אַלֵיינְס נַארְן אַז דוּ וֶועסְט בַּאצָאלְן, ווייל דֶער מְצִיאוּת ווייזְט אַז דוּ בַּאצָאלְסְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג פַאר יֶעדְן צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּ מִיר אוּן הַאלְטְן מִיר פָאר הַיִתָּכֵן אִיךְ הַאלְט בַּיי מִיר אִין דִי קְהִלָּה מֶענְטְשְׁן וָואס בָּארְגְן גֶעלְט אוּן בַּאצָאלְן נִישְׁט.

אַז דוּ דַארְפְסְט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; גֶעדֶענְק: "עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת, אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן"; אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן אוֹיף קְרֶעדִיט קַארְד'ס, זִיךְ אַלֵיינְס אָפְּנַארְן אַז מֶען לֶעבְּט ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד און בִּיז דֶערְוַוייל וַואקְסְט דִי רִיבִּית בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער; עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין בֶּעטְן הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְהֶערְן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא.

...

~~~~~~~~~~~

### שֶׁעצְן דִי ווַייבְּ'ס צְנִיעוּת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ט' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ ווַייבּ וָואס צְנִיעוּת אִיז בַּיי אִיר אַ חָשׁוּבֶ'עֶ זַאךְ אוּן זַיי אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל ווַייטֶער בְּלַייבְּן אָנְגֶעטוֹן ווִי אִיר מַאמֶע גֵייט. הֵייס אִיר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ קוּרְצֶערֶע קְלֵייד, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן וְכוּ'; עֶס וֶועט
~~~~~~~~~~~

זַיין גוּט פַּאר אַפָּאר וָואכְן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן מָאנֶען פוּן אִיר זִי זָאל דָאס טוֹישְׁן אוּן דָאס בַּייטְן, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַאט וֶוערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט שֶׁעצְן שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ אַז זִי אִיז שְׁטַארְק מִיט צְנִיעוּת, אֲפִילוּ דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד וִוי זִי גֵייט, דָאךְ זָאלְסְטוּ אִיר כְּסֵדֶר זָאגְן וִוי טַייעֶר זִי אִיז מִיט אִיר אֵיידֶעלֶע בַּאנֶעמוּנְג, הֵייס אִיר נִישְׁט גֵיין קוּרְצֶער אָדֶער שְׁמֶעלֶער וְכוּ', וַוייל הַיינְט אִיז דָאס דִי לֶענְג פוּנֶעם קְלֵייד אוּן מָארְגְן אִיז דָאס אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ בִּיז מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קה:): "כָּךְ אוּמְנָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע", דָאס אִיז דֶער טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, "הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כָךְ", הַיינְט רֶעדְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֵיין זַאךְ, "וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כָךְ", אוּן מָארְגְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע עֲבֵירָה, "עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ: עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה, וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד", בִּיז עֶר רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיר אוֹיסְהֶערְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~